

Solomon Blumgarten (1870-1927)

## Une satire de l'East Side

## Yehoash (1870-1927)

***Yehoash est le pseudonyme de Solomon Blumgarten, connu aussi sous le nom de Solomon Bloomgarden, poète yiddish, érudit et traducteur de la Bible.***

***Il émigre aux États-Unis en 1890 et s'installe à New York. Il est d'abord homme d'affaire pendant une décennie, puis commence à écrire à plein temps en 1900 alors qu'il est atteint d'une tuberculose.***

***Lorsqu'il meurt brutalement à son domicile du Bronx, il est éditeur pour le journal* The Day.**

### Langlisse et Dubourdon

**וחלקלקות און זמזומים**

איסט–סײַדער טיפּן

וחלקלקות און זמזומים,<br>
צוויי פֿאַרברענטע,,איסט–סײַד–"איסטן,<br>
האָבן תּמיד זיך געאַמפּערט<br>
און געפֿירט אַ קאַמף אַ וויסטן...<br>
קוים נאָר האָט מען זיך באַגעגנט,<br>
הייבן אָן שוין די דעבאַטן,<br>
און עס פֿליען אין דער לופֿטן<br>
הונדערט–פּודיקע ציטאַטן...<br>
פֿײַערדיקע אַרגומענטן<br>
שיסן פֿון די מויל–קאַנאָנען,<br>
יעדער שאָס באַשטייט נישט מינדער<br>
ווי פֿון זיבן לעקסיקאָנען...<br>
און פֿון שעקספּיר און קאָנפֿוציוס,<br>
און פֿון האָמערס איליאַדע,<br>
און פֿון גאָרקי, און פֿון רמב"ם,<br>
און פֿון קאַרל מאַרקס, אַוודאי.

אַז מע שוינט זיך ניט, חלילה,<br>
קענט איר דאָך פֿאַרשטיין ממילא.<br>
אָט כּדומה איז אַ בײַשפּיל<br>
וואָס מע רופֿט זיך : לומפּ, נבֿלה,<br>
דראָנג, דובינע, איגנאָראַמוס,<br>
שאַרלאַטאַן, אומזיסטער עסער,<br>
גנבֿ, שורקע און פֿאַררעטער,<br>
אָדער פּשוט — מענטשן–פֿרעסער.<br>
אָבער העפֿלעך זײַנעןביידע,<br>
ווי פֿאַר דזשענטל–לײַט געהעריק;<br>
וחלקלקות זאָגט : איך בעט דיך,<br>
פֿרײַנד זמזומים, ווער אַזש נהרג...<br>
און זמזומים ענטפֿערט פֿרײַנדלעך:<br>
ס'איז דער ווּנטש פֿון מײַן נשמה,<br>
אַז מײַן זיסער וחלקלקות,<br>
דו, זאָלסט גיין אין דער אַדמה.

ווײַטער גייט עס ניט חלילה,<br>
כאָטש מע רײַסט זיך ווי די הענער,<br>
דען זמזומים — וחלקלקות<br>
זײַנען ביידע ערן–מענער.

Langlisse et Dubourdon, deux istes de l'East Side, se livrent depuis toujours des combats acharnés.<br>
Dès qu'ils se voient, éclate le débat, à coups de citations de cent tonnes. Leurs bouches échangent un feu nourri ; dans chaque tir, pas moins de sept encyclopédies.<br>
Et du Shakespeare et du Confucius, Homère, Gorki et Maïmonide, sans oublier, bien sûr, Karl Marx.

On ne se fait pas de cadeau.<br>
Défilent des noms d'oiseaux : gredin, charogne, bûche, ignorant, charlatan, pauvre animal, voleur, larron, traître, ou alors simplement cannibale.

Mais tous deux demeurent polis, comme il sied à des gentlemen :<br>
Langlisse dit :<br>
"Je t'en prie, Dubourdon, crève bouche bée".<br>
Et Dubourdon, amical, répond :<br>
"Je voudrais, mon gentil Langlisse, que ce sois toi qu'on enterre".

La chose n'ira pas plus loin.<br>
Même en se disant des horreurs, tant Dubourdon que Langlisse sont surtout des hommes d'honneur.

---

**Source :** Yitskhok Niborski